# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת וירא | שנת תשע"ב לפ"ק

## מילי דחסידותא

**וירא אליו ה':** פרש"י יום שלישי למילתו היה ובא הקב"ה ושאל בשלומו.

דער הייליגער **תפארת שלמה זי"ע** זאגט פשט אין די ווערטער, בהקדם די גמרא אין מס' ברכות וואס זאגט אז ווען א איד שטעלט זיך דאווענען טאר ער נישט מפסיק זיין, אפילו אויב א מלך איז שואל בשלומו און א נחש איז כרוך על עקבו טאר מען נישט מפסיק זיין.

קען זיין דער פשט פון די ווערטער אז אמאל איז א איד בשפל המצב ל"ע משוקע אין די טומאה, און ער שפירט אז דער אייבערשטער וויל נישט הערן זיין דאווענען, און ער וויל נישט מקבל זיין זיינע תפילות. אמאל איז דא א איד האט א פארקערטע הרגשה, אז ער איז זייער גרויס און זייער חשוב ביים אייבערשטן, און דער געפיל פון גאות נעמט אוועק זיין ערך ביי השי"ת. זאגן חכמינו ז"ל אויף דיביידע מדריגות אפילו **נחש כרוך על עקבו**, אפילו אויב ער איז פארזינקען אין טומאה ווי זוהמת הנחש וואס בינדט אים ארום. אדער פארקערט, ער איז ביי א גרויסע מדריגה פון **מלך שואל בשלומו**, טאר ער נישט מפסיק זיין פון עבודת התפילה, נאר ביידע מדריגות דארפן מתפלל זיין צו השי"ת מיט א צובראכן הארץ, און ארויסקוקן אז דער אייבערשטער זאל העלפן.

דאס זאגט רש"י אז כאטש אברהם אבינו איז געווען אויף די מדריגה פון **בא הקב"ה ושאל בשלומו**, דאך איז ער געווען **והוא יושב פתח האוהל**, ער איז געזעסן ביים טיר, ביי די התחלה און ער האט זיך נישט גרויס געהאלטן.

דאס זאגט אויך דער פסוק ווייטער **וילך ה' כאשר כלה לדבר אל אברהם, ואברהם שב למקומו**, אפילו דער אייבערשטער כביכול איז נתעלה געווארן דורך די געהויבענע עבודה פון אברהם אבינו, **ואברהם שב למקומו**, עס איז געווען לא גבה לבו ולא רמו עיניו, נאר ער איז געבליבן בענוה ושפלות רוח.

## דרש דרש

**ויקח חמאה וחלב ובן הבקר אשר עשה.** זאגט רש"י פארוואס האט מען נישט געגעבן ברויט. ווייל שרה איז טמא געווארן, און זי האט מטמא געווען די ברויט.

פרעגט דער **חתם סופר** לכאורה עס איז דאך געווען ערב פסח ווען מ'מעג עסן נאר מצה עשירה, וואס דאס ווערט געקנעטן נאר מיט מי פירות, און מי פירות איז דאך נישט מכשיר לקבל טומאה, במילא איז דאך די ברויט נישט טמא געווארן.

נאר מ'קען ענטפערן אז שרה האט דאך געזאגט אז מען זאל נעמען סלת, און די גמרא זאגט אין פסחים אז ווען מען קנעט סלת מוז מען יא אריין לייגן אביסל וואסער, במילא איז עס יא געווען מוכשר לקבל טומאה, איז די ברויט יא טמא געווארן, וועגן דעם האט מען זיי נישט געגעבן ברויט.

די גמרא זאגט אין מסכת שבת אז ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל מקבל זיין די תורה האבן די מלאכים גע'טענה'ט **תנה הודך על השמים, צר הקב"ה קלסתר פניו של משה דומה לאברהם**, און ער האט זיי געזאגט **לא זה שאכלתם בתוך ביתו בשר בחלב.** לכאורה איז שווער זיי האבן דאך געגעסן קודם די מילך און נאכדעם די פלייש, און דאס איז מותר? מוז מען ענטפערן אז די הלכה איז, אז נאך מילך דארף מען מאכן קינוח, און זיי האבן דאך נישט געקענט מאכן קינוח, ווייל די גמרא זאגט **אין קינוח אלא בפת**, און זיי האבן דאך נישט געהאט קיין ברויט.

קומט אויס אז דורך די חכמה פון שרה וואס זי האט געזאגט אז מען זאל געבן סלת האבן די אידן באקומען די תורה און נישט די מלאכים. ווייל אויב מען וואלט געגעבן קמח וואלט עס דאך נישט טמא געווארן, ווייל עס האט נישט קיין וואסער נאר מי פירות, וואלטן די מלאכים יא געקענט מאכן א קינוח, און זיי וואלטן נישט עובר געווען אויף בשר בחלב, במילא וואלטן די מלאכים באקומען די תורה, אבער יעצט אז שרה האט געזאגט אז מען זאל געבן סלת האט מען דאך געמוזט אריין לייגן וואסער, איז עס דאך יא טמא געווארן, במילא האבן זיי נישט געקענט מאכן קינוח, און זיי האבן יא עובר געווען אויף בשר בחלב, ממילא האבן זיי נישט באקומען די תורה נאר די אידן.

אין מדרש ווערט געדרש'נט די גאנצע קאפיטל פון אשת חיל אויף שרה.

דאס קען זיין פשט **פיה פתחה בחכמה**, זי האט געזאגט מען זאל געבן פאר די מלאכים סלת און נישט קמח, וואס דאס האט גורם געווען אז זיי זאלן נישט עסן ברויט, ווייל **ותורת חסד על לשונה**, כדי די אידן זאלן מקבל זיין די תורה.

❖

**כששמעה שרה שמשה רבינו לא יכנס לארץ ישראל אמרה גרש את האמה הזאת ואת בנה, וצ"ב.**

זאגט דער **רבי זי"ע** אין **דברי יואל** אז ווילאנג ישמעאל איז געווען ביי אאע"ה אין שטוב האט ער נישט געטון די אלע עבירות, נאר שרה האט אים געוואלט פארטרייבן ע"ש העתיד וואס ער גייט זינדיגן, און זי האט געזעהן אז עס איז א טובה פאר יצחק אז ער זאל נישט זיין מיט ישמעאל.

דער מדרש זאגט אז משרע"ה איז נישט אריין קיין ארץ ישראל, כדי די מתי מדבר זאלן קענען אויפשטיין תחיית המתים צוזאמען מיט איהם, זעהן מיר פון דעם אז פאר די טובה פון כלל ישראל קען מען קוקן על שם העתיד.

וועגן דעם ווען שרה האט געהערט אז משה גייט נישט אריין קיין אר"י ווייל איך קוק אויפן עתיד, האט זי געזאגט **גרש את האמה הזאת ואת בנה.**

## מילי דרמיזא

**ואקחה פת לחם:** אין ספר **תורת יפה** ברענגט ער א הערליכן רמז אויפן פסוק **ואקחה פת לחם**, ווייל דער **רבי ר' הערשעלע מזידיטשוב זי"ע** זאגט אויף די ווערטער פון חז"ל **לעולם יהא אדם זהיר בפ"ת שחרית**, פ"ת איז בגי' **תלמוד**, אז א מענטש איז מחויב צו לערנען גמרא אינדערפרי פארן דאווענען. אין ספר **פרי קודש הילולים** שטייט אז אנדעם וואס מ'האט געלערנט פארן דאווענען קען מען נישט דאווענען.

מיט דעם קען מען טייטשן **ואקחה פ"ת לחם** אויב לערנט מען אינדערפרי פארן דאווענען, **וסעדו לבכם** דעמאלטס וועט מען זיך קענען אנזעטיגן דאס הארץ מיטן דאווענען, וואס ווערט אנגערופן **לב, איזהו עבודה שבלב זו תפילה.**

# בפרדס הפרשה

ידיעות וענינים השייכים לפרשת השבוע

## מים אחרונים

די גמרא זאגט אין מס' חולין (דף ק"ה ע"ב) **מים אחרונים חובה יותר ממים ראשונים**, עס איז א גרעסערער פליכט זיך צו וואשן מים אחרונים ווי מים ראשונים, פארוואס? **שמלח סדומית יש שמסמא את העינים.** די זאלץ פון סדום, איז זייער שעדליך אויב מען רירט אן די אויגן מיט די זאלץ ווערט מען ח"ו בלינד, דעריבער האבן די חכמים געהייסן זיך וואשן די הענט פארן בענטשן מיט מים אחרונים, כדי אויב די זאלץ ביי די סעודה איז געווען מלח סדומית זאל עס נישט שאטן פאר די אויגן.

נאך א טעם זאגט די גמ' (יומא דף פ"ג) צוליב א מעשה ווען איינער "כידור" האט בא'גנב'עט געלט פון די חכמים, און ער האט געלייקנט אז ער האט דאס נישט גע'גנב'עט, נאר היות ער האט געהאלטן נאכן עסן און מ'האט דערקענט אויף זיינע ליפן וואס ער האט געגעסן, האבן די חכמים געשיקט א שליחות צו זיין פרוי אז דער מאן האט געהייסן ארויסגעבן דאס געלט, און ער גיט א ראי' אז ער האט יעצט געגעסן דעם מאכל, און די פרוי האט טאקע ארויסגעגעבן דאס געלט. שפעטער ווען כידור איז געוואויר געווארן אז זי האט ארויסגעגעבן דאס געלט האט ער גע'הרג'עט זיין פרוי, וואס דאס איז געשעהן אין רעזולטאט ווייל ער האט זיך נישט געהאט אפגעוואשן די ליפן נאכן עסן.

עס שטייט אין ספר **חרדים** אז מים אחרונים איז גאר א הייליגע זאך, און ווער עס איז מיקל דערין טוט מען ח"ו מיקל זיין פון הימל אין זיינע יארן.

די הלכות פון **מים אחרונים** זענען ווי פאלגענד:

א) מ'טאר זיך נישט וואשן מים אחרונים אויף דער ערד ווייל ס'איז א סכנה, נאר אין א כלי, אויב ס'איז נישטא קיין כלי, זאל מען זיך וואשן נאר אויף א פלאץ וואו מענטשן טרעטן נישט.

ב) מען טאר זיך נישט וואשן מים אחרונים מיט הייסע וואסער.

ג) מען דארף זיך וואשן מים אחרונים די אויבערשטע צוויי טיילן פון אלע פינגער.

ד) בשעת'ן וואשן מים אחרונים זאל מען האלטן די הענט אויף אראפ, כדי די זוהמא פון די הענט זאל אראפרינען.

ה) מען טאר נישט אויסרעדן נאכן וואשן מים אחרונים ביז נאכן בענטשן.

ו) אויב עס בענטשן אינאיינעם ביז 5 מענטשן זאל דער וואס בענטשט זיך וואשן מים אחרונים צום ערשט, כדי ער זאל האבן צייט זיך מסדר זיין דאס בענטשן (אמאליגע צייטן פלעגט איינער בענטשן הויך און מוציא זיין דעם גאנצן ציבור) אבער אויב עס בענטש אינאיינעם מער ווי פינף מענטשן פאסט דאך נישט אז דער מברך - וואס ער איז געווענליך דער חשוב'סטער פון די מסובין - זאל מוזן אזוי לאנגווארטן, דעריבער זאל ער נישט זיין דער ערשטער (ועי' בליקוטי מהרי"ח שכ' שלא ראה מעולם לדקדק בזה, וסומכים על הראשונים שלא פסקו כן).

עס ווערט דערציילט אז איינמאל איז געקומען א חכם צום **אר"י הקדוש זי"ע** און ער האט אים דערציילט אז שוין עטליכע טעג וואס ער האט גרויסע ווייטאגן אויפן אקסל, האט אים דער אריה"ק געזאגט אז דאס איז א עונש ווייל ער האט עובר געווען אויף די ווערטער פון חז"ל אז "**תיכף לנטילה ברכה**", דאס מיינט נטילת מים אחרונים, און ער האט געלערנט א משנה צווישן מים אחרונים און ברכת המזון, וועגן דעם איז געקומען דער עונש מדה כנגד מדה אז ער האט עובר געווען אויף די הלכה פון **תכ"ף** איז ער געשטראפט געווארן מיטן **כת"ף** (אקסל).

# מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק האיש מקדש

## אין שליחות לנכרי

מיר האבן געלערנט (קידושין דף מ"א ע"ב) אז עס גייט נישט אן קיין דין שליחות ביי א גוי.

מיט דעם איז מסביר דער הייליגער **קדושת יו"ט זי"ע** דאס וואס רש"י זאגט די וואך אנהייב סדרה "**הוא שנתן לו עצה על המילה לפיכך נגלה אליו בחלקו**". לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי איז אברהם אבינו זיך געגאנגען דורכרעדן צי ער זאל פאלגן וואס דער אייבערשטער האט איהם געהייסן?

נאר דער **רא"ש** ברענגט **בשם הריב"א** מסביר צו זיין פארוואס עס זענען דא ברכות וואס מ'זאגט "**על אכילת מצה**", "**על מקרא מגילה**" און אנדערע ברכות זאגט מען '**לשמוע קול שופר**', '**להדליק נר חנוכה**', דער כלל איז אז די מצוות וואס מ'קען מאכן דורך א שליח זאגט מען '**על**' און מצות וואס מ'קען נישט מאכן דורך א שליח זאגט מען מיט א '**ל**'.

וועגן דעם ביי מצות מילה זאגט מען '**על המילה**' און נישט '**למול**', ווייל מילה קען מען מקיים זיין דורך א שליח.

לויט דעם קען זיין אז אברהם אבינו איז געווען מסופק צי ער האט א דין ישראל, אויב אזוי קען ער מאכן א שליח, און ער דארף מאכן די ברכה על המילה, אדער ער האט א דין בן נח, און ער קען נישט מאכן קיין שליח, ממילא מוז ער מאכן די ברכה למול.

אויף דעם האט אים ממרא געזאגט אז ער האט א דין ישראל, און ער קען מאכן די ברכה על המילה. דאס איז טייטש **הוא שנתן לו עצה על המילה**.

## כלך אצל יפות

מיר האבן געלערנט אין תוספות (ד"ה פיחת י' קידושין מ"א ע"ב) **האומר לשלוחו צא ותרום**, איינער הייסט פארן שליח גיין אפשיידן תרומה, **והלך ותרם, אם אמר לו בעל הבית כלך אצל יפות**, אויב האט אים דער בעה"ב געזאגט 'פארוואס האסטו נישט גענומען בעסערע?', ווענדט זיך, אויב איז דא בעסערע פון דעם איז דאס תרומה, ווייל דאס צייגט אז דער בעה"ב איז א גוטער, און ער האט געקענט באשטיין אז ער זאל טאקע נעמען פון דאס בעסטע, אויב אבער עס איז נישטא קיין בעסערע פון דעם, איז די תרומה נישט קיין תרומה, ווייל דער בעה"ב איז ברוגז אויף אים אז ער האט גענומען די גוטע, און ער מיינט צו זאגן מיט כעס "בעסערע פון דעם האסטו נישט געטראפן?!" ממילא איז דאס נישט קיין תרומה.

מיט דעם זאגט דער **קהלת משה** א דבר נפלא אין די פרשת השבוע, ווייל די גמרא זאגט אין מס' ב"מ **הוא אמר קמח והיא אמרה סולת מכאן שאשה עיניה צרה באורחים**, דארף מען פארשטיין וואו מען זעהט דא אז פרויען זענען קארג, ווייל שרה האט דאך יא געזאגט די בעסערע, ווייל סולת איז דאך בעסער פון קמח?

נאר עס קען זיין אז אברהם אבינו דער עמוד החסד האט דאך זיכער געוואלט געבן די בעסטע וואס עס איז דא, און אויב האט ער געזאגט **קמח**, איז זיכער אז עס איז דעמאלטס נישט געווען קיין **סולת**, פארוואס דעמאלטס האט שרה געזאגט סולת, מוז זיין אז דאס איז ווי **כלך אצל יפות**, ווייל זי איז געווען ברוגז פארוואס ער גיט אזעלכע גוטע מעל.

# ידוע תדע

מטרתו להרחיב ידיעות התלמידים בעניני הלכה ומנהג

**(המשך איבער ענין פון אנטון א גארטל צום דאווענען)**

איינמאל איז **הרה"ק רבי אהרן טשערנאבלער זי"ע** געוואויר געווארן אז איינער פון זיינע חסידים דאווענט אן א גארטל האט ער אים גערופן און געזאגט אז ער זאל גיין מיט א גארטל, ווי דער פסוק זאגט (משלי ל"א) **וחגור נתנה לכנעני**, א גארטל ברענגט הכנעה.

עס איז באקאנט א חסיד'יש ווערטל וואס מ'זאגט נאך בשם **הרה"ק רבי מענדעלע ווארקער זי"ע** אויפן פסוק (בראשית ג' ז') **ויתפרו עלי תאנה ויעשו להם חגורות**, אז אויב ווייל מען ווייזן א פיי"ג (תאנה) פארן יצר הרע, איז די עצה צו גיין מיט א גארטל".

אין ספה"ק **מנחם ציון להרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע** (פר' תצא) שרייבט ער בלש"ק": ואמת נכון הדבר כי במלבושי אבותינו מימי קדם יש על כל דבר כמה סודות ושכל עליון וכו' וכבר דברתי עם המגיד טעם למה הולכין בשני חגורות, ואמרתי שכך כתיב (ישעי' י"א) והיה צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו וכו' חגורה שני' זה אזור אמונה שיהיה נוכח ה' דרכו תמיד ולא ישכח את השי"ת". עכדה"ק.

ועי' בס' שו"ת **תורת יקותיאל** (או"ח סי' כ"ט) בשם הרה"ק **בעל מעגלי צדק מדעעש** זצ"ל, אז דאס אנטון א גארטל איז מסוגל צו פארטרייבן מחשבות זרות.

אין ספר **זקניך ויאמרו לך** (ח"ד) ווערט דערציילט בשם דעם אומפארגעסליכן איש המעש והחסד **ר' דוד לייב גרינפעלד ע"ה**, אז אין די תקופה וואס ער האט געלערנט אין די ישיבה פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** אויף בעדפארד עוו. פלעגט דער רבי געווענליך דאווענען שחרית אין גרויסן ביהמ"ד אין די מיטאג שעות, און עס איז געווען באשטימט א סדר פון ארום זעקס בחורים וואס האבן אויסגעווארט דעם רבי'נס מנין. אבער יעדע וואך מיטוואך פלעגט דער רבי דאווענען ביי זיך אין ביהמ"ד שע"י ביתו נאוה קודש אויף 500 בעדפארד עוו. עס איז געווען איינמאל מיטוואך ווען עס איז אויסגעקומען זיין רייע צו דאווענען מיט'ן רבי'נס מנין, זענען די אריבער געגאנגען צום רבי'נס ביהמ"ד און דער רבי וויל זיך שטעלן דאווענען אבער זיין גארטל איז נישטא... דער רבי זוכט דעם הויז-בחור אבער ער איז נישט געווען צום געפונען, און דער רבי קען זיך נישט שטעלן דאווענען.

ר' דוד לייב ע"ה האט געהאט א דיקערן גארטל צום דאווענען, זעענדיג ווי דער רבי שטייט און זוכט א גארטל, האט ער געטראכט אז עס איז א געלעגנהייט וואס ער קען זוכה זיין אז דער רבי זאל דאווענען מיט זיין גארטל, האט ער ארויסגענומען זיין גארטל און דאס געהאלטן אין די הענט מיט יראת הכבוד. דער רבי האט דאס באמערקט קוקט ער אים אן און ער פרעגט מיט זיין ליבליכן שמייכל "אבער מיט וואס וועסטו דאווענען?!"...

הערשט נאכדעם וואס א צווייטער בחור האט זיך אנגערופן אז ער האט צוויי דינערע גארטלעך, און ער וועט אים בארגן זיינס האט דער רבי אנגעטון זיין גארטל צום דאווענען.

עס איז מערקווירדיג וואס עס ווערט געברענגט אין **דברי חנה** ( ח"א הליכות והלכות) וואס דער קאלאשיצער רב האט נאכגעזאגט בשם **הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע**, בשם דעם זיידן דער **ערשטער בעלזער רב זי"ע**, אז מ'האט אים געוויזן דעם געשטאלט פונעם רוסישן שר מיט א סארט קשר אויפן גארטל, אויך האט מען אים געוויזן דעם עסטרייכישן שר מיט א צווייטע סארט קשר אויפן גארטל, דעריבער האט ער נישט געמאכט קיין שום קשר אויפן גארטל נאר ער האט דאס ארומגעדרייט ארום דעם גוף און די עקן האט ער אריינגעדרייט אינעם גארטל.